GAYLORD BROS. INC.
Syracuse, N. Y.
Stockton, Calif.

# שיר נחמד

אדער

# דיא ריינע נשמה

שיינע קריטיקירונג פון דער וועלט ווערט דא פאר געשטעלט
פון דער נשמה אליין ווא זיא וויל אהער ניט גיין:

א) דיא פאר רעדע פון דיזע ליד.

ב) דיא ליד ווא דיא נשמה טענעט מיט דעם מלאך
אלקים וואש זי וויל אהער ניט גיין:

ארויס געגעבן פון חנן בדחן מסמארגאן.

---

ווילנא

שנת תרלח לפק

---

ШЫРЪ НЕХМОДЪ

т. е. Хоршая пѣснь Соч. Х.

ВИЛЬНА.

Въ Типографіи А. Г. Каценеленбогена на
Нѣмецкая ул. въ д. Ривкинда № 379—9 1877 г.

## שיר נחמד פון חנן בדחן פון סמארגאן זאגין אויך דא דיא זייטיגע אותיות אן

ש לעכט איז דעם נאר
י עצטיגע וועלט וואש פאר שטייט ניט נאר
ה עכט קען איך יענעם געבין
ג ראם ווילן אויך גוט לעבין
ח אפין חאפט דאש יעדער
מ יטין גידאנקען מאכין שרייבין דיא פעדער
ד אך האט ער קיין שולד אז דיא פעדער וויל ניט גיין
פ אר לאנג איך האץ מיינע גידאנקען צו פאר שטיין
וו ייל איך האב דיא וועלט נאטור באטראכט
נ אכהער האב איך דיזע ליד גימאכט
ח כמה שטעקט פיל אין דיא וועלט
נ אר ניט פאר יעדין ווערט דאש פאר גישטעלט
ג ים פיל האב איך נאך אויך אן גיזעהען
ב עשערע קענער זיינען פון מיר גיוועזן
ד אך בעט איך מיינע גידאנקען ניט צוא פאר שטערין
ח נה בדחן וואש האט גיטאן ערקלערין
ג ים איך טוא דיא פאר בעשערין
פ ון געלט צאלין מוז דאש ווערין

ווי״א.

Дозволено цензурою 6 Октября 1877 г. Вильна.

ווי מיר זעהען און פאר שטיהען
גיט ארום אונז אליין טוט זיך די צייט דרייען
ס'אבין מענטשן בראוערין די צייט
מיט אקריטיק שטייט זיא פון דער זאייט
א לעמען רינגעלט זיא ארום מיט אקריטיק
רייך און ארעם גליק און אום גליק
גרויסע מענער גרויסע לייט
אנטגייען פלוצלונג מיט דער צאייט
נעמט לעזין דיזע ליד וועט איר זעהען וואס די וועלט בעטייט

# פאר רעדע

איך גין אייך דעם ביכעל צוא לעזין
גיב די וועלט עטוואס צוא טאן
איך חוה ברכה פון סמארגאן
חאץ ביא דער געשיכטע בין איך ניט געוועזין
איר וועט אין איר האבין פיל פארגעניגען
גאר איך בעט מיט מיר זיך ניט צוא קריגין
דאש איך האב אין דעם קיין שולד ניט
דאש די פירונג פון דער וועלט ברייגט דאש מיט
גליק מאכט פריילעך געלט מאכט שטאלץ
די וועלט האט צרות גלייך ווי א האלץ
די בוים אז זיא טוט אויפין ארט שטיין
האט זיא פארגעניגען וויפיל זיא וויל אליין

קומפאניעס



קומפאניעש האט זיא ארום און ארום
פריילעך איז איר אומעטום:
מענשטין מאכט זיך אויף איר
קיינער גיט איר ניט קיין ריד
זיא איז זיך שטענדיק ביא זיך פרייא
פריילעך זינגען לעבין איר דער ביא
דיא לויבין גאט און זיא אויך דער צוא
אין אלע צייטין האט זיא איר רוא
איר פארגעניגען איז אן איין שיר
אום שרייבין גאר: קלעקט ניט קיין פאפיר
דאש איז אבער אלץ ביז אצאייט
ביז עס קומט איין האקער פון דער זאייט
און זאגט איר אן צער און ליידין
אז מיט דיין קומפאניע מוסטו זיך שיידין
עס העלפט ניט דייגע טרערין און געוויין
אהער צוא מיר מוזטוא שוין גיין
נאר דאך איז זיא מער ווי אהאלץ גיט
אז יעגער גיט איר מיטין וועג אשנים
אויף דעם איז זיא גאר ניט קיין באלין
נאר אז מי האקט איר אראפ איז שוין פאר פאלין
די פארגעניגען וואש זיא האט געקליבין
ווערט דאש מיט אמאל צוא ריבען
די פויגעלעך העלפין איר זארגין
טרויערין: ווער ווייסט וואו וועל איך זיין מארגין
השך איז געווארין דער שיינער מאיי

נאר

נאר מיין פרייהייט גייט שוין פאר בייא
מיין שיינער ארט בלייבט שוין אויסן
אלע בלאייבן דא און איך אויף דרויסן
נאר וואש העלפט מיר צו באדויערן מיינע יארן
מיטין הקער צו זאמען מוז איך שוין פארן
איך בין אויף דעם נייער צוא טראגן
דער ווייסט וואו איך וועל זיך פאר שלאגן
און אז איך פאל נאך אריין צוא אפויער אין האנט
מאכט ער נאך מיט מיר אין אשטוב אוואנט
פרייער באיישט מען מיר מיין הויט ארום
ער האקט מיר און צעשעט מיר אומעטום
און קוועצט נאך מיר צוא מיינע זייטן
אז איך שעם זיך גאר צוא זאגן פאר לייטן
איך האב פאיין גאר אן אשיר
עס הערשוועוען אלע איבער מיר
מען בוערט אין מיר די גרעשטע לעכער
דער צוא קריכט מען אויף מיר אויף די דעכער
רען פאר פלעגט מיר דורך אוים מיין גוף
איך גייא שטענדיק אראפ און ניט ארוף
איך האב זיך ניט וואו צוא באהאלטין
פון רעגן און פון וועטער אקאלטין
וואש מער איך זאל זיך היטין
באקומט מיר דער ווייטיק אז אין מיטין
צרות האב איך זייער פיל
מען טוט מיט מיר וואש מען וויל

דאן



דאן אז עס ווערט גאר צוא פוילט די שטוב
אט דא עפינט זיך פאר מיר גאר מיין גרוב
ווי איך בין גיוועזן פריער טייער
אזוי פיל ברענט מען מיר שוין אויפן פייער
אט באטראכט דעם ביטערן חסרון
וואש פון מיר איז יעצט גיווארין
דער בוים דאש איז די נשמה אליין
ווי די נשמה דארף צום מענטשין גיין
היינט באטראכט וויפיל נחמה
האט גיהאט אויבן די נשמה
ווי איז זיך גיוועשן גאר אן צער
נוט איז גיוועזן מער ניט איר האר
איר פארגעניגען איז זייער רייך
זיצט און לויבט גאט מיט אלע נשמות צוא גלייך
פון איר קען איך אייך ניט אוים דער ציילין
ווייל פון מיר איז דאש אויך פאר הוילין
נאר דאש קענט איר במערקין
פון אונזערע נשמות די גוערקין
איר גידאנקען איז גאנץ ריין
ביז דער מלאך אלקים קומט צוא גיין
און זאגט איר באלד אן
אז דא האשטו ניט וואש צוא טאן
ביז דוא וועשט קומען קריק ארוף
גייא אויף איינגע צאייטן אין איין גוף
מען וועט דיך האדעווען און זייגן

וועהען

וועהען צוא קענשטו צו דער וועלט טויגן
אונ אז דוא וועסט נאר פאר היטן דיין בלוט
וועט דיר בוודאי זיין גאנץ גוט
טראכט זיך דיא נשמה אויף דעם
איך מוז שוין פאלגן עס
אמפערן קען איך זיך ניט
איך מוז גיין וואו ער פירט מיר מיט
דיא קומט שוין באלד דיא נשמה אויף
אהער אין צגאנץ ריינעם גוף
הויבט אן דיא נשמה צוא טאיינען
וואו זאהין פיר איך אוועק מיין שיינען
מיין פאיין קען איך אויך גאר ניט זאגן
וויפיל איך האב אין מיין מוטערש טראגן
סי דריט מיר צוא נויף אין רבייען
מיין ביטערין נויט קען איך גאר ניט אויס שרייען
דיא ניין חדשים גייען קאם פאר ביא
דאמאלסט הייב איך אן צו שרייען אוי אונ וויא
אונ אז איך פאל נאך אריין אין א שיינעם ארט
נחת צוא האבן איז שוין מיר פאר שפארט
ווער עס האט נאר דעם לעבן דער הענט
אונ פאר דאיגעט אגוטן צורעק אויף דיא ווענט
דיא וועלט איז דער צוא נאך זייער דום
מען באיישט איינעם דעם צווייטן ארום
אין גאנצן לעבן האט מען ניט קיין רוא
ביז עס קומט צום רעכטן הארצן צוא

וואש



וואש ברייננט דאש אלץ מיט
וואש פון דיא הרעוואנגע איז ניט קיין פרעפיט
קיין שום קראנקהייטן טוט ניט פאר ביא גיין
ביז עס גיסט איבער אונ עס קומט צום ביין
פונקט וויא דיא קויל אין שטרייט
אזוי לויפט אוועק דיא לעבענש צייט
אז דאמאלסט דער מאנט מען זיך אויף דער גרוב
אז עס דארף שוין זיין פאלן דיא שטוב
וויא קען איך שוין דאמאלסט האבן א שיינעם פנים
אונ אז איך פאל נאך אריין צווישן קבצנים
דא מעג מען זיך פאר זיבערין
אז דער בגן וועט נאך יחוערין
אבער אז ער איז חלילה פאר קערט
איז דער גאנצער לעבן פאר שטערט
דאן מוז מען שוין דעם בגן פאר דארבן
אונ דער מענטש מוז שוין שטארבן
גליך וויא פון בוים ווערט גישטם
אזוי איז שוין פון דעם לעבן אום זישט
דאן טוט מען זיך באקלערין
אז קאריק צום פונדאמענט מוז מען זיך אום קערין
ווערים עשן דעם מענטשן אויף
עס ווערט אויך פאר פוילט דער גוף
האט נאר דיא נשמה גיטאן פאר דינען
וועט דיא געוויש איר וועלבן ארט געפינען
איז דיא נאר גיצאנגען ניט מיט דעם בריק

דאן

דאן טוט זיא זיך אום קערין צוריק
פון וואגען זיא איז גיקומען גיוואָרין
אהין קען זיא זיך שוין ניט קערין
אט איבער איר גוטין פריינט
וועט נאר וואו דיא זון שיינט
מיינע גידאנקען וואָלט איר ניט פאר שטערין
וואָרום עס קען חלילה פאר וואָלקינט ווערין
וואָרום אז איך האב דעם ביכל גימאכט
האב איך גאנץ גוט באטראכט
אז דיא אום גליקין וואָס איין מענטשין איז גישעהן
האב איך שוין דיא אלין אן גיזעהען
דאן מיין איך ניט חלילה אייך מוסר זאגין
וואָרום דעם שכל טוט איר דאך אליין פאר מאגין
קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים
בעט איך אייך אלע אירע חברים
קוקט נאר ניט דער איין
וויא קום איך אשטראָפער צוא זיין
נאר עס איז פארבאן מענטשין וואָס זייא טאָען ניט וועלין
אז איך זאל זייא קריטיקירונג שטעלין
נאר בייא יעצטיגין וועטער
פאסט דורך צוא מישין דיא בלעטער
זעהען אין וואָס פאר אמדרגה מיר זייגען יעצט
מיר זייגען גלייך וויא משכנות פאר זעצט
קיין פריצענט קיין רווחים איז פון אונז ניטא
נאר הזיק אונג איין פאל איז פון אונז דא





דער שטר חוב וואָס אויבין איז פאר שריבין
איז דאָס גאר ביין משחית געבליבין
מיר משכנות זייגען פאר לענין גיוואָרין
וואָס ווייטער טוען מיר מער אין גלות פארין
מען וועט בק אויף אונז ליציטאציעס מאכין
מיט אנגאלעריע יעדערין צוא פאר וואכין
בייא נאט איז שוין דיא משכנות ניט טייער
ער זאגט פאר עס טייגין זייא נאר אויפין פייער
אט אזוי גייט פון אונז דיא כחות אוים
אז אונז משכנות נעמט מען ניט ארוים
מען ווערט נאר פאר פלעשנעט אונג איין גידיכט
עס ברענט בק פון גלות דיא ליכט
אויך דארפין מיר זעהען דיא משכנות ארוים נעמען
אז אונזערע נשמות זאל זיך ניט דארפין שעמען
אונזערע נשמות דיא משכנות זייגען פאר פלעקט
דער פאר האט מען פון אונז דעם שטר חוב פאר הערקט
מוז מען זוכין דער צוא איין תחבולה
חאץ דיא סומע פון דיא עבירות איז אפולע
נאר נאט אז מען זאל זיין חוב אפ געבין
דאן קען מען שוין בשלוה דיא יארין אוים לעבין
אבער אז מען לייגט דאס אפ
דאן וואקסט אן נאך פריצענט אויפין קאפ
דיא צייט לויפט וויא איין קורייער
אונג בעט דיא רווחים אפרייער
פאר אונז איז דער צוא דיא רפואה

ניט שעמען זיך פאַר קײן קרואה ובלואה
נאָר קײן חוב. קײנעם ניט שולדיג זײן
וואָרום דאָס וואָס איך האָב איז אויך ניט מײן
אָבער דער וואָס שטאָלצירט זײער פיל
עס טוט אים דער גײן וויפיל ער וויל
יעדער זאַך טוט ער כנגד
צום ענדע בלײבט ער געוויס אָן אײן בגד
הײנט וואָס קומט שוין אַרויס
וואָס מען פירט דיא וועלט גאַנץ גרויס
וואָס מען האָט אין לעבען פרײדין
צום ענדע האָט מען מער לײדין
וואָס מער אַמענטש זאָל קלערין
צום ענדע גײט דאָס אַרויס מיט טרערין
דיא לעבט אָפּ אַ וועלט גאַנץ שײן
צום ענדע איז מען מלוה מיט געוויין
וואָס מער מען זאַמלט געלט
בלײבט דאָס אַלץ אויף דער וועלט
וואָס מער מען זאָל זיך ווילשאַק געבין
דאַן קומט צוא פאַר דיא ווערים צו לעבין
וואָס מער מען זאָל געשעפטען זוכין
צום ענדע טוט מען זיך אַלײן פלוכין
האָב און גוטס וואָס מער מען זאָל קלײבין
צום ענדע טוט דאָס אין פרעמדע הענט בלײבין
ווײב און קינדער טוען ווײנען
ירושה צונעמען טוען זײא מער מײנען





ווײב און קינדער זײנען מלוה ביזן קבר
דער נאָך קומען זײא קאַריק אין שטוב
אָבער מעשים טובות דער וואָס ניט פאַר שפּאַרט
דאַן פירען זײא דיך אויף דײן ערשטין אָרט
זײא זײנען מליצים פאַר דער נשמה
זיא זאָל קומען ווײטער צוא איר נחמה
אויב איר ווילט וויסין פון מענטשין דעם גרונט
זאָגט איך אײך אַלע געזונט
מײנע ליבע לעזער לעבין
מער קען איך אײך דיא פאַר רעדע ניט געבין
ווילט איר נאָך געבין אײער גוטן ווילן
לײענט ווײטער וועט איר אין מיר אַ טעם פילין

# ענדע

# דברי אמת

אז וויא דיא נשמה קריגט זיך מיטין מלאך אלקים
וואש זיא וויל ניט גיין אהער אויף דער וועלט

## א

דארטין אין האלבע נאכט
הערט מען וויא מען וויינט אונ שרייט
דיא קולות דייגען זייער פאר וואכט
נאר דיא שטימע הערט זיך גאנץ ווייט
ווער עס האט נאר גיהערט דעם שטים
האט באלד גיטאן פאר שטיין
אז דאש קריגט זיך גיוויש איין מלאך אלקים
מיט דער נשמה וואש זיא וויל צהער ניט גיין
נאר ער הערט איר ניט
אונ פירט איר פארט מיט
אונ בנעמט ניט איר ביטערין פיין
זיי ניט קיין קינד
קום גיך אונ גישווינד
צוא דיין מאמען אין בויך צריין

## ב

טעינעט דיא נשמה

ציא פאר שטיישטוא גיט ליבער גאט

אז



אז איך בין אין דעם גאר ניט גינארט
איך וויל נאר היטין דיין ערשטע גיבאט
אט דרום בין איך איין גישפארט
נאר דאס פאר שטייא איך דער איין
אז איך גייא אונ ווייש ניט וואו
דוא גייטסט מיר אז איך זאל זיין
אין איין עולם התהו
פון אזא היילגען ארט
וואו וועל איך גיין דארט
פון אזא שיינע מלוכה
פון איין ארט וואש ריין
דארף איך יעצט גיין

## ג

ענטפערט דער מלאך אלקים

מיין ליבע אונ טרייע קינד
עס העלפט ניט דיינע טרערין אונ גיוויין
זע פאר היט זיך נאר פון זינד
אויף דער וועלט מוזטוא פארט אראפ גיין
היט דיך נאר פון שלעכטע מענער
היט דיך פון צלעס ביין
היט דיך פון צולאזענעם אפילו ווער ער איז
ער וועט דיר פאר פירין אין א שלעכטע הויז
פאלג נאר מיך
זאיי נאר פאר זיך

גרייט

גרייט אן אויפן וועג וואס מער
וואס דוא וועשט נאר באר דיגען
וועשטו אלץ געפינען
אין דער צייט וואס דוא וועשט קומען אהער

ד

טעינעם דיא נשמה

וויא דוא רעמעמט מיך צוין
וויקט אוים צו דא איז פאר מיר אגליק
נאר איך פאר שטייא גאנץ גוט מיין פאין
צו דאש איז נאר פאר מיר אשטריק
איך האב גיזעהען פיל זאכין עס טרעפט
אונ מען טוט זיך נאר ניט שעמען
צו צווייא פאלין צו אויף איין געשעפט
איינער פון דעם צווייטין וויל נאר צונעמען
הייטנט וואס העלפט שוין דיא הישין
אז עס זיט קיין שום פרעפיטין
מען הוועט נאר אום זישט אלעבין
איך האב דאש אויפין זין
צו פארין יום הדין
ווען איך דארף דין וחשבון אפ געבין

ה

ענטפערט דער מלאך אלקים

דוא רעטשט אפילע אמתה טענות
עס איז טאקע אפאלשע וועלט





מען האט ניט קיין מורא פאר עבירות
איינער דעם צווייטין וואלט קוילין פארין גראשין געלט
נאר דאש טוא איך דיר פאר זאגין
דוא קוק נישט אויף דעם צווייטען
אויף קיין געשעפט זאלשטו זיך ניט שלאגין
ווארום יענער וועט דיר גיוויש ביישין
מיינע בייד ניט פאר קלעגער
האב ניט צוא טאן וויא יענער
גייא נאר דיין וועג גאנץ גליך
פון מענטשין פון ים זאלשטו זיך היטין
גייא בעשער ביין דרעג אונ ניט אין מיטין
ווארום דוא קענשט פלוצלונג אריין פאלין אין טייך

ו

טעינעם דיא נשמה

איך זע צו דוא טושט אפילע פאר שטיין
אז איך האב אין דעם גאר קיין טעות
אז ניט דווקא דיא עבירות אליין
נאר נאך גאזלאניע גיפינט זיך גוזמאות
איינער זעט נאר דעם צווייטין צוא דריקען
אין מאכין יענעם פיל גויט
מען זעט בק יענעם צוא פליקין
נאר צוא צוא נעמען דעם שטיקיל ברויט
דער צוא נאך באטראכט
וויא דיא וועלט איז פאר וואכט

וואס פון טאג בק נייע גזירות  
דא באטראכט איך דעם ציל  
וואס איר האבן צרות אזוי פיל  
איז נאר איבער דיא ביטערע עבירות

ז

ענטפערט דער מלאך אלקים

וואס העלפט היינט דיינע פיל רייד  
דאס איז ניט אויף דיר אליין  
איך גיב דיר יעצט א ריינע קלייד  
נאר זע מאך איר ניט אום ריין  
זאיי ניט קיינעם מקנה  
איך ניט אויפן צווישן וויא א קלעק  
מיט דער מיט וועשטוא דיך ניט זיין מהנה  
אונ אויף דיין קלייד וועט שוין ווערן א פלעק  
דוא זאלשט נאר פאר שטיין  
וואוהין דוא טושט גיין  
ניט אויף קאטאוועס שיק איך דיר  
דוא זאלשט נאר מיין רצון ערפילין  
אונ ניט טאן דיין אייגענעם ווילין  
ביז דיא צייט וואס דוא וועשט קומען צו מיר

ח

ענטפערט דיא נשמה

הער צו מרא דעלמא כולה  
מיינע רייד זע איך אז עס גייט ניט אן





צרות וועל איך דא האבין א פולע  
אבער איך מוז דאך פארט דיין ווילן טאן  
גיין גייא איך אויף איין טומאן  
דוכט זיך אז דא איז א פעסטע וועלט  
ערשט עס איז נאר א גרוישע טייך פאראן  
יעדערער שעפט אונ רק אים פעלט  
דיא צייט שווימט מיטן טאייך  
פון ארעם אונ פון ראייך  
ביז דיא קומט צום ברעגעץ שטעלט זיא זיך אוועק  
מען קריכט טיף אין טומאה אין בלאטע  
צום ענדע מיט חרטה  
דער גוף צופוילט אונ דיא נשמה בלייבט מיטן פלעק

ט

ענטפערט דער מלאך אלקים

איך וועל דיר געבין צו ערקלערין  
וואס האט א איד צרות אזוי פיל  
ווייל ער וויל מיין פאר זאג ניט הערין  
נאר ער גיט זיך נאך וואס ער וויל  
האלט זיך נאר ניט גרויש  
כבוד זאלשטו ניט ליבין  
וואו דוא וועשט גיין מאכט ניט אויס  
נאר מיט דער תאוה זאל ניט ווערין ערטער גיקליבין  
גייא נאר גלאייך  
פאזע טייך

אונ קוק נאר אראפ אונ ניט ארויף
וואו עס איז אינג פאר מיר
פון אנטארין אנווארט פאר לאייד
וועט זיין וואויל צוא דיר אונ וואויל צוא דיין גוף

## י

טעייגעם דיא נשמה

וויפיל לאייט מען דא אויף דער וועלט אום
אלץ איבערין ביטערין טויט
עס גייט גאנץ גוט דיא כוחות אוים
איבער מען פאר דינט דעם שטיקיל ברויט
געשעפטין טוט פאר קיינעם ניט שטייען
וויא אן אתיישן שטיין חאפט זיך יעדער אן
יעדער גייט אום אונ טוט זיך שרייען
געוואלד עס איז גיטא וואש צוא טאן
טאג אונ נאכט
גייט מען אום פאר שמאכט
וואש מען האט צרות פון אלעם
גניבה אונ גזילה
קומט צום מענטשין במילא
אלץ איבער דעם ביטערין בלות

## יא

ענטפערט דער מלאך אלקים

דאש בישטו מיין קינד אלץ גירעכט





איך גלויב דיר גאנץ גוט דער אין
עס איז טאקע ביטער אונ שלעכט
אויף דער וועלט איין ארומען צוא זיין
נאר וויא איך וועל דיר דיא עצה געבין
איין אומנות צוא קענען איז דער בעשטער פלאן
ווערשטוא גיוויש בשלוה אוים לעבין
ניט וויא דער צווייטער וואש לעבט פון אבמאן
זיך ניט קיין שווינדיל פארבראטין קאנטארין
טוא ניט דאש וואש מען טוט ניט טארין
האץ ביי דיר קומט אוים דיא זאך דזיק
דוא זאלשט נאר דאש קלערין
צוא ווערשטוא זיך קענען אום קערין
צוא מיר צוא דיין ערשטין גליק

## יב

טעייגעם דיא נשמה

איך האב דאש אלין גיהערט אונ גיזעהען
וואש עס האט פיל גיטראפין
זאל דאש קיינעם ניט גישעהען
דיא אום גליקין וואש זיינען פאר לאפין
עס פעלין אן מענטשין שווארץ ווי טינט
אונ זיינען פאר גזלנים פאר שטעלט
אונ קוילין אוועק מענטשין אגאנצע גיזינט
אלץ איבער דעם גראשין געלט
אט דאש גיב איך אקלער

וואס דוא שיקשט מיר אהער
פון ווארימקייט דורך אוים אין קעלט
איך האב דאס ביי דיר ניט געזעהען
זאל דאס גאר ניט געשעהען
אזא מיאוסע פאר פירטע וועלט

## יג

ענטפערט דער מלאך אלקים

איך גיב דיר אויף אלץ נאך
אויף יעדער זאך וואס דוא האסט דער קלערט
פון יעדער זאך ווייס איך דאך
פון מיר אליין איז דאך דאס בשערט
היינט וואס האסטוא מורא דער צוין
אז איך בין דאך מיט דיר
דוא מעגסט גיוויס רוהיג זיין
נאר היט דעם פאר זאג פון מיר
ווייל דוא וועסט זיך גיפינען
האלט גאר מיר אין זינען
היט דיא תורה אונ דער צוא טוא זיין מלאכה
באנוגן זיך וויפיל דוא האסט
געהערען וויפיל דאס קאסט
דאס איז אלץ מיט מיין איגענע השגחה

איך



## יד

טרייסט דיא נשמה

איך האב דיר נאך וואס צוא זאגין
פאר וואס קען איינער צום צווייטען זיך ניט גלייכין
דער ארעמאן גייט ארום צוא טראגין
וואס איז ער ערגער פון רייכין
יתומים מיט אלמנות קלאגין
וואס זייער בלוט טוט זיך וויא וואסער גיסין
זייא ווייסין גאר ניט פון וואס צוא זאגין
אז מען נעמט ביא זייא צוא דיא לעצטע ביסין
רכילות לשון הרע
קומט פון דער צרה
אונ דיא נשמה פאר פלעקט מען וואס מער
היינט אין אזוי א אופן
וועלין דיא זארין אוועק לייפין
טוא וויא וועל איך קענען קומען צוריק אהער

## טו

ענטפערט דער מלאך אלקים

זאיי נאר ערליך אונ ניט הפקרדיק
פאל גישט אראפ מיט דיין נויט
זאיי ניט מקנא דעם צווייטינס גליק
באנוגן זיך מיט דיין שטיקל ברויט
באגייא זיך נאר מיט דעם צווייטין ערליך

האלט

האלט גישט אויף זיך פון חטאים אין יאך
דאס וועט דיר אפילע זיין שווערליך
גאר אין דער צייט בין איך דאך
שטאלציר ניט זיין גליק
בהויער גישט ביין אום גליק
ווען קינגער אן דיר ניט פאר שטיין
צוא בייזין קינעם ניט דער מאן
וועט דיר דער צווייטער אויך נישט טאן
ביז דיא צייט וואס דוא וועשט צוא מיר גיין

## טז

טייגעם דיא נשמה

דאס איז גאר אין טעות אין פשט
יעדער וועט גאר זיך צוא פאר היטן
ווער עס קען לויפן זיין אחנואט
דא האפט ער זיך ארויס פון מיטן
דעם רייבין איז וואויל
דער ארעמאן בלייבט הויל
יעדער שרייט עס איז רק ניט גוט
וואו מען טוט זיך קערין
לויפן רייבין טרערין
וויא וואסער גישט זיך מענטשליכע בלוט

## יז

ענטפערט דער מלאך אלקים

איך וועל דיר אויף דעם אויך א אנטווארט געבין



אויף דאס וואס דוא האסט מיר פאר מעלט
ווייז מיר ווער עס פירט זיך גאר צוא לעבין
צום ענדע צוא בלייבט עם האט אנגראשין געלט
ער הוועט אפילע גאנץ גישמאק
ער מיינט אז דיא וועלט איז זיין
אבער וויא עס הערט אויף דער דופק צוא קלאפין טאק
דא באלט ער פלוצלונג אין געץ אריין
דעם וואוילטיג וואס ער האט זיך גיגעבין
אין זיין גאנצין לעבין
גיפעטיגט דעם גוף מיט דיא עירעים
גיפירט זיך גאנץ גרוויש
אן גיקליבין פיל פלייש
בריינגט נאר צין הילף פאר דיא ווערים

## יח

סעיינעם דיא נשמה

איך האב דיר נאך פיל צאגין צוא דער ציילין
וויא מען ווערט אויף דער וועלט אוים גירישין
גאר דער ווייל איז דאס נאך פון מיר אויך פאר הוילין
צום ענדע קען איך נאך ערשט ווישין
עס גייאן ארום מענטשין אונ זארגין
זייער פרנסה קען פאר דער גיזינט ניט שטייען
גיטא שוין קיין ערמער וואו צוא בארגין
אונ קיין משכנות אויף וואס צוא לייען
קנאה אונ שנאה

קומט

קומט פון דער בחינה
מען הוועט נאר אום זישט אוועלט
דער גוף כארט איין
עס ווערט פינצטער דיא שיין
אלץ איבער דעם ביטערין גראשין געלט

## יט

ענטפערט דער מלאך אלקים

וואש רעטשטוא בק אין טענה
אז עס איז ניטא פון וואגען צוא לעבין
יעדער זאך איז דאך בק מינגע
נאך דיא ווערדע טוא איך יעדין געבין
אמענטש איז גלייך צוא אצובראכענעם שארבין
וואש מען קען אים קין מאל ניט אן פילין
ביז עס קומט דיא צייט פון שטארבין
פעלט אים אלץ נאך בין ווילין
וויפיל מען האט
באנגקט מען ניט גאט
יעדערין איז קנאפ דיא וועלט
דא שוויג איך ניט אין דעם
איך מוז געבין יענעם
ער זאל שרייען אז בק אים עס פעלט

## כ

טעינעט דיא נשמה

איך בין יעצט צוא אפיש גלייך





מיין שרעק איז יעצט זייער גרויש
עס קומט איינער מיט אנגעץ צום טייך
אונג שלעפט מיר מיט געוואלד ארויס
יענער ווארט שוין אויף מיר לאנג
צוא האבין פון מיר נקמה
ער ציט מיר אונג טראגט מיר מיט פיל געזאנג
אז דאש בין איך אליין נשמה
וויא ער דער זעט מיר
האט ער פריידין אן אשיר
וואש גאט האט אים אשיינעם צאם אז גישטעלט
אונג וויא ער הערעוועט זיך אויף
שטאפט מען בק דעם גוף
אונג אן מיך פאר געשט מען אויף דער פאלשער וועלט

## כא

ענטפערט דער מלאך אלקים

אמת דוא בישט צוא אפיש גלייך
אבער ניט אין יעדער צייט
היט דיך נאר פארין יצר הרע וואש ער איז דיא טייך
ווארום ער האלט צין געץ פון דער זייט
פאלג ניט וואש ער וועט דיר הייסין
שטאפין דעם גוף וואש מער
דא וועשטוא האבין אשבר אגרוישין
בעת דוא וועשט קומען אהער
לאז זיך ניט פאר טרייבין